# צו שבעה ענדע פון מישקאָלצער רביצין הרבנית הצדיקת הישישה מרת פריידא בערגער ע"ה

(פארזעצונג פון זייט 36)

מאָנטרעאַל. די נפטרת ע"ה איז געבליבן אַליינס אינדערהיים מיט די קינדער, שפּירנדיג פאר די גרעסטע זכי' צו קענען זיין די עזר כנגדה, צו האָבן אַ חלק אינעם הרבצת תורה לרבים פון איר גרויסן מאַן.

בשנת תשכ"א האָבן זיי זיך ענדגילטיג געצויגן קיין ניו יאָרק, און טראָץ וואָס זיי האָבן זיך שוין געהאַט גוט מ סדר געווען אין מאָנטרעאַל, האָט די נפטרת ע"ה אָן קיין הויך ווארט מקיים געווען רצון בעלה צו קומען קיין ניו יאָרק. זיי האָבן זיך באַזעצט אין וויליאַמסבורג, וואו איר מאַן זצ"ל האָט מייסד געווען זיין ביהמ"ד אהבת תורה דמישקאלץ אויף די ראָדני סט. גאס וואו עס שטייט נאָך ביז צום היינטיגן טאָג. ער האָט דאָרט אויך געעפענט זיין ישיבה וואו ער האָט אין די נאָכפאָלגענדע צען יאָר מעמיד געווען תלמידים הגונים וישרים, צווישן זיי יבלחט"א כ"ק הגה"צ אדמו"ר מתולעת יעקב שליט"א וועמען די נפטרת ע"ה האָט אויף יענע צייט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, נאָכדעם וואָס זיין פאָטער הרה"ק רבי יחזקאל'ע זצ"ל האָט געוואָלט אַז ער זאָל גלייך פון שטוב זיין גלייך אין די ישיבה, אָן דעם וואָס ער זאָל זיך דאַרפן דרייען אויף די גאַס.

בכלל איז די נפטרת ע"ה צוגעשטאַנען בכל עוז ותעצומות לימין בעלה אַז ער זאָל קענען עוסק זיין בתורה בלי מפריע, און אַז זיין גאַנצע צייט זאָל זיין פריי בלויז אויף עסק והרבצת התורה. זי איז געווען אַ מסתפקת במועט. דורכאויס די נאָכפאָלגענדע אַריבער פופציג יאָר וואָס זי האָט געוואוינט אין די זעלבע דירה, האָט מען כמעט נישט געביטן די איינריכטונגען. זי האָט פאַרמאָגט די זעלבע קיך און נאָך פאַרשידענע זאַכן, און ווען מ'האָט עס געוואָלט טוישן אויף נייע און בעסערע, האָט זי נישט מסכים געווען דערצו, זאָגענדיג אַז ס'איז גוט אַזוי. זי איז געווען שמח בחלקה, גליקליך און צופרידן אַז זי האָט די זכי' צו זיין די לעבנס-באַגלייטערין פון אַזאַ געהויבענעם מאַן, און גאָרנישט עפּעס אַנדערש האָט איר פאַראינטערעסירט.

דער מישקאָלצער רב זצ"ל איז געווען אַ איש צדיק תמים. ער האָט פאַרמאָגט אַ קול נעים, און זיין דאַווענען איז געווען מיט אַ געוואַלדיגן התלהבות און ברען. ווען ער פלעגט יורד זיין לפני התיבה איז עס געווען מיט אַ זעלטענעם נעימות און זיינע תפלות האָבן יורד געווען לחדרי בטן.

די נפטרת ע"ה האָט דערציילט אַז איינמאָל אינמיטן די דריי וואָכן איז זי אינמיטן די נאַכט אַראָפּגעגאַנגען אין סעלער, און זי האָט זיך דערשראָקן צו זען ווי איר ליגט אויף דער ערד און וויינט בכיות עצומות. דערשראָקענערהייט האָט זי געפרעגט דעם מאַן וואָס עס גייט פאר, און צו ער פילט נישט גוט. האָט ער געזאָגט אַז ער פילט גוט, נאָר ער איז מתאבל אויפ'ן חורבן ביהמ"ק. ער האָט איר אָבער אָנגעזאָגט אַז זי זאָל דאָס קיינעם נישט דערציילן, און קיינער זאָל נישט וויסן דערפון. פקודתו שמרה רוחו, און זי האָט דאָס דערציילט ערשט אינמיטן די שבעת ימי האבל נאָך די פטירה פון איר מאַן זצ"ל.

איר מאַן רבי חיים זצ"ל איז נפטר געוואָרן ג' כסלו תשל"ו אין בלויזן עלטער פון 65 יאָר. אין די נאָכפאָלגענדע יאָרן האָט די נפטרת ע"ה גאָר הויכגעשעצט כבודו הרמה פון איר גרויסן מאַן זצ"ל און טראָץ איר רעלאַטיוו יונגן עלטער פון עטליכע-אין-פופציג יאָר ביי איר מאַנס פטירה, האָט זי אויסגעקליבן צו פאַרבלייבן אַן אלמנה אַלס "מישקאָלצער רביצין". מ'האָט איר אָנגעטראָגן שיינע שידוכים, פון גאָר מכובד'דיגע רבנים ואדמורי"ם בזוו"ש, אָבער זי האָט גאָרנישט געוואָלט הערן, וועלענדיג פאַרבלייבן די אשת חבר פון איר גרויסן מאַן דער מישקאָלצער רב זצ"ל.

*

די נפטרת ע"ה איז געווען אַ מוסטער פון אַ רביצין אין דער אַלטער היים. זי איז געגאַנגען אָנגעטון מיט'ן פולסטן צניעות'דיגן לבוש, און כסדר געפּאָדערט דאָס זעלבע פון די קינדער און אייניקלעך. ווען זי האָט געזען פאַרשידענע מאָדעס וואָס כאַפּן זיך ליידער אַריין, האָט זי אויפגעפּאָדערט אַז מ'זאָל שטיין אויף דער וואך אַז ביי איר משפחה זאל דאָס נישט אַריינקומען.

זי האָט שטענדיג געדענקט דעם גרויסן יחוס פון וואו זי האָט געשטאַמט, און כסדר געמאָנט און געפּאָדערט פון די קינדער און אייניקלעך ממשיך צו זיין במסורת בית אבותי' הק' זי"ע.

זי איז באַזונדער געווען מקושר צו איר גרויסן זיידן הרה"ק רבי הערצקא'לע מראַצפערט זי"ע, און כסדר גערעדט פון זיין גדלות און קדושה. מיט אַ זעלטענעם קפדנות האָט זי מקפיד געווען יעדעס יאָר אָנצוגרייטן אַ סעודת הילולא אינעם טאָג פון זיין יאָרצייט, די נאַכט פאר ערב יום כיפּור. זי פלעגט דערציילן אַז זייענדיג נאָך אַ קינד פון בערך זעקס יאָר האָט זי שוין געהאָלפן אָנגרייטן ביי זיי אין שטוב די סעודת הילולא פון רבי הירצקא'לע זי"ע, און אַזוי האָט זי דאָס אָנגעהאַלטן אין אַ משך פון נאָנט צו ניינציג יאָר נאָכאַנאַנד.

ווי איר שטייגער ביי יעדע זאַך, האָט זי די גאַנצע סעודה אַליינס אָנגעגרייט פון אָנהייב ביז צום סוף. זי האָט אַליינס געבאַקן די חלות, געקאָכט אַלע מאכלים היימיש, און זיך געפּאָרעט מיט אַלע צרכי הסעודה. עד זקנה ושיבה האָט זי אָנגעהאַלטן מיט דעם מנהג, און אויך אין די לעצטע יאָרן ווען זי איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט, האָט זי אָבער נישט מוותר געווען פון אַליינס אָנגרייטן כאָטש איינס אָדער צוויי מאכלים פון די סעודת הילולא. ווען זי האָט געענדיגט צושטעלן די מאכלים פלעגט זי זאָגן מיט התרגשות "איך בין אַזוי בשמחה אַז כ'האָב געקענט עפּעס מאַכן".

זי איז בכלל געווען אַ געוואַלדיגע יראה ושלימה. זי האָט גאָר שטאַרק אַכט געגעבן אויף יעדע זאַך וואָס זי האָט אַריינגענומען אין מויל אַריין. זי האָט אַלעס געמאַכט היימיש אין שטוב, און געהאַט אירע חומרות און זהירות אויף וואָס זי האָט גאָר שטאַרק אַכטונג געגעבן. זי האָט אַליינס כשר געמאַכט דאָס פלייש וואָס זי האָט געקאָכט. אַלעס האָט זי אַליינס געבאַקן, חלות, ברויט, מזונות און נאָך און גאָרנישט האָט מען נישט געקויפט אינדרויסן. אַלע מאכלים איז געווען נאָר וואָס זי האָט אַליינס צוגעשטעלט.

זי איז געווען אַ מסתפקות במועט. יאָרן לאַנג נאָכאַנאַנד האָט זי יעדן טאָג געגעסן דעם זעלבן פרישטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון עטליכע שטיקלעך אפגעפעניצ'טע ברויט און אַביסל ירקות און אייער. גאָרנישט עפּעס אַנדערש, און דאָס האָט זי יעדן טאָג געגעסן.

מיט איר אויסטערלישע זהירות במידה דאכילה האָט זי ממש נישט אויסגעהאַלטן אויב עס איז איר אונטערגעקומען די מינדעסטע חשש פון אַ נדנוד קל. פאַרגאַנגענעם יאָר ראש חודש אב, האָט זי פאַרגעסן צו האַלטן חשבון אַז עס איז שוין ראש חודש, און זי האָט טועם געווען אַביסל פלייש. שפּעטער ווען זי האָט דערוואוסט אַז עס איז שוין חודש אב, האָט זי אַ לענגערע צייט נישט געקענט קומען צו זיך, ביז מ'האָט איר געוויזן וואָס עס ווערט געברענגט פון הגה"ק בעל בני יששכר זי"ע, אַז עס איז דאָ אַ שיטה אַז ראש חודש קען מען נאָך מקיל צו זיין צו עסן פלייש, און דאָס האָט איר באַרואיגט.

פון די אַנדערע זייט האָט זי גאָר שטאַרק מקפיד געווען אויף יעדעס וואָרט וואָס זי זאָגט אַרויס פון מויל. זי האָט ווייניג גערעדט, און דאָס וואָס זי האָט יאָ גערעדט איז געווען געוואויגן און געמאָסטן. קיינעם האָט זי קיינמאָל נישט וויי געטון, און איר גאַנצע התנהגות האָט אַרויסגערופן שעצונג ביי אַלע אירע אַרומיגע.

זי האָט כסדר מתפלל געווען, און יעדן טאָג האָט זי אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים מיט גרויס השתפכות הנפש. איר תהלים זאָגן איז געווען אַ שם דבר, און אידן פלעגן קומען זיך מזכיר זיין ביי איר, אַז זי זאָל זיי אינזינען האָבן ביים זאָגן תהלים אויף ענינים וואָס זיי האָבן זיך גענויטיגט אין ישועות. אין איר תהלים האָט זי געהאַט אַריינגעשטעקט קוויטלעך וואָס אידן האָבן איר געגעבן, און כסדר האָט זי מתפלל געווען פאַר זייערע ענינים. אידן האָבן טאַקע געזען גרויסע ישועות בזכות תפלתה מעומק הלב פנימה.

ביי אַ געלעגנהייט ווען מ'איז איר געקומען דערציילן אַז אַ געוויסער בחור איז אַ חתן געוואָרן, איז צו איר שמחה נישט געווען קיין גרעניץ. זי האָט געזאָגט אַז אין די לעצטע צייטן האָט זי ממש יעדן טאָג ערליך מתפלל געווען פאַר דעם נאמען, און ב"ה ער איז שוין אַ חתן געוואָרן בשטומ"צ.

אַזוי האָט זי געדאַוונט די אַנדערע תפלות און אַלעס מיט אַ געוואַלדיגן ערענסטקייט. בשבתות וימים טובים האָט זי אַלץ מיטגעהאַלטן די תפלות אינעם מישקאָלצער ביהמ"ד וואָס ווערט לאחר פטירת בעלה הגדול זצ"ל ווייטער אָנגעפירט דורך בנה הגדול הגה"צ רבי שמואל שליט"א אבדק"ק מישקאָלץ, און זי איז געווען אין ביהמ"ד אַ מוסטער מיט איר זהירות בקדושת ביהמ"ד.

זי איז געווען בצלילות הדעת ביז די לעצטע צייטן. זי האָט אַלעס מיטגעהאַלטן און געקענט יעדן אייניקל אָדער אור-אייניקל. ווען די בני משפחה זענען געקומען צו איר האָט זי גלייך געקענט באַמערקן אַז איינער פעלט, און אַזוי האָט זי יעדן געטראָגן על לוח לבה, זייענדיג מתפלל אויף יעדעס געברויכן מיט גרויס התרגשות.

פאר דריי יאָר צוריק האָט זי ליידער פאַרלוירן איר חשוב'ן זון הר"ר אלימלך ישראל ז"ל וועלכער איז נפטר געוואָרן אין פריען עלטער פון 52 יאָר. צוליב איר הויכן עלטער האָט מען איר נישט דערציילט איבער זיין פטירה, אָבער זי האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן אויף אים, און אַלץ אים געהאַלטן אין זכרון.

*

אין די לעצטע צייטן איז זי שוין געווען אָפּגעשוואַכט, אָבער איז נאָך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר שיינעם לעבנסשטייגער. פאַרגאַנגענעם יאָר ערב יום כיפּור האָט זי נאָך אַליינס צוגעגרייט אַ מאכל לכבוד די סעודת הילולא פון זקינה הגה"ק רבי נפתלי הירצקא מראַצפערט זי"ע, און דערויף האָט זי נאָך זוכה געווען משלים צו זיין דעם גאַנצן תענית פון יום הכיפּורים, טראָץ איר הויכן עלטער, וואָס איז ביי איר געווען אַ געוואַלדיגע שמחה.

פאַרגאַנגענעם א' דחג השבועות אינדערפרי איז זי פלוצים אַוועקגעפאַלן אין אונמאַכט, און האָט געליטן אַ שווערע האַרץ-אַטאַקע. בחסדי שמים מרובים האָט מען איר נאָך צוריקגעברענגט, און עס איז נאָך געפּראַוועט געוואָרן בשמחה ובצהלה די חתונה פון אַן אייניקל בן לבנה הגה"צ רבי ברוך שליט"א. זי האָט זיך ביסלעכווייז ערהוילט, און איז שוין אפילו אַרויס אין אַ ריהעבעלטאציע צענטער.

שפּעטער האָט זיך איר מצב פאַרערגערט, ביז פאַרגאַנגענעם מוצש"ק פרשת מטות-מסעי, ב' אב ווען זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה במעמד פון עטליכע מנינים בני משפחה וועלכע האָבן דערביי געזאָגט פסוקי היחוד און נשמת. אין די פריערדיגע טעג איז איר מצב שוין געווען שטאַרק שמאָל, און זי איז לפלא נפטר געוואָרן בליל מוצש"ק ווען אידן פּראַווען געוועגליך די סעודותא דדוד מלכא משיחא, אין וועמענס הייליגן תהלים'ל די נפטרת ע"ה איז געווען אַזוי שטאַרק דבוק.

די לוי' איז אַרויס זונטאָג אינדערפרי פאָרענט פונעם מישקאָלצער ביהמ"ד, וואו עס האָט זיך פאַרזאַמעלט אַ גרויסער ציבור. עס האָבן מספיד געווען בני' הרבנים הגאונים שליט"א, איר פלומעניק הרה"ג רבי אליעזר ליפּא זילבערמאַן שליט"א מראַצפערט, די אייניקלעך: הרה"ג רבי אהרן דוד בערגער שליט"א, הרה"ג רבי חיים שלמה ראָטענבערג שליט"א, הרה"ג רבי בערל סטראלאוויטש שליט"א, הרה"ג רבי חיים שלמה בערגער שליט"א, און הרה"ג רבי חיים ברא"י בערגער שליט"א, הרה"ג רבי חיים בר"ב בערגער שליט"א, און בשם הביהמ"ד האָט מספיד געווען דער געטרייער גבאי הרה"ח ר' נתן אליעזר שטרויס הי"ו וועלכער האָט געבעטן מחילה בשם די מתפללים ובני הקהלה. צום סוף האָט מספיד געווען דער איידעם הרה"ג רבי מנחם מענדל טאַגער שליט"א וועלכער איז דאַן אָנגעקומען ממקום מושבו אין לאָנדאָן.

מ'האָט איר געפירט למנוחתה אויפ'ן ביה"ח דשיכון סקווירא וואו איר גרויסער מאַן זצ"ל ליגט אויך באַהאַלטן. פאַר סתימת הגולל האָבן מספיד געווען, הגה"צ דומ"ץ קרית יואל שליט"א אַ מחותן, און הגה"צ רבי יעקב ראָטענבערג שליט"א האדמו"ר מסאלקא, אַ מחותן.

זי האָט זוכה געווען איבערצולאָזן אַ דור ישרים יבורך פון חשוב'ע קינדער און אייניקלעך, רבנים גדולי תורה והוגי תשוי', דיינים ומרביצי תורה בכלל ישראל לשם ולתהלה. די זין: הגה"צ רבי שמואל שליט"א אבדק"ק מישקאָלץ, הגה"צ רבי אליעזר ליפּא שליט"א פון בארא פארק און הגה"צ רבי ברוך שליט"א ר"מ בישיבת אמרי יוסף ספּינקא-ב"פּ. די שוואגער: הרה"ג רבי מרדכי שובאקס שליט"א ר"מ בישיבת בעלזא אין ירושלים עיה"ק, הרה"ג רבי מענדל טאגער שליט"א משפיע בביהמ"ד לעלוב אין לאנדאן און הרה"ג רבי יעקב יודא טויבענפעלד שליט"א שו"ב פון וויליאַמסבורג.

מיט דריי יאָר צוריק איז נפטר געוואָרן איר איינציג-פאַרבליבענער ברודער בנש"ק הגה"ח רבי משה זילבערמאַן זצ"ל מראַצפערט ומחשובי חסידי בעלזא.

במשך די ימי השבעה האָבן פילצאָליגע אידן געשטראָמט מנחם אבל צו זיין די אבלים הרבנים הגאונים שליט"א ובראשם פילע רבנים ואדמורי"ם שליט"א אין שפּיץ פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א וועלכער האָט פאַרפירט אַ לענגערן שמועס מיט די חשוב'ע רבנים שליט"א. מרן הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א האָט אינמיטן די שבעה זיך פאַרבינדן טעלעפאָניש פון זיין אָפּרוה-אָרט אין בעטלהעם, ניו העמפּשיר מנחם אבל צו זיין די חשוב'ע רבנים הגאונים שליט"א.

די וואָך דינסטאָג נאָכמיטאָג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די "הקמת המצבה". נאָכ'ן זאָגן פּרקי תהלים האָט דער איידעם הרה"ג רבי מרדכי שובאקס שליט"א ר"מ בישיבת בעלזא געזאָגט דעם "קל מלא" און דאַן האָט מען געהערט די וואַרימע דברי הספד פון: הגה"צ אבדק"ק מישקאָלץ שליט"א, הרה"ג רבי מרדכי שובאקס שליט"א, הרה"ג רבי מענדל טאַגער שליט"א און פונעם אייניקל הרה"ג רבי חיים בר"ב בערגער שליט"א.

יהא זכרה ברוך.




ווייסער הויז הויפּט-שטאַב אָרטאָדאָקסישער מר. דזשעק לו האָט היינטיגע וואָך ביי אַ זיצונג אין די אָפּיסעס פון "דזשעי.סי.אר.סי." אין ניו יאָרק סיטי, דיסקוסירט אידישע זאָרגן פון ר' יעקב עסטרייכער'ס אַרעסט אין בוליוויע, ביז די אָנגעצויגענע לאַגע צווישן אַמעריקע און איראַן. פון ל. צו ר.: הרב יצחק אלעזר ווערצבערגער הי"ו מראשי ק"ק ומוסדות וויען און אידישער ראַטגעבער צו מעיאָר בלומבערג, הרב עזרא פריעדלענדער הי"ו סי.אי.או. פון דער "פריעדלענדער גרופּע", הרב נפתלי משה אינדיג הי"ו מראשי ק"ק ומוסדות סאַטמאַר-וומסב"ג, ווייסער הויז הויפּט-שטאַב דזשעק לו, הרב מיכאל (מייקל) מיללער נ"י פון "דזשעי. סי.אר.סי." און מר. דזשעראד בוירנסטין דירעקטאָר פון "דזשואיש אוטרידזש"